טעגליכע בלעטל מאנסי אומגעגנט - סקווירא

# לוח הציבור

מאנסי

T: 845.425.4300   E: ads@monseyluach.com

Subscribe: subscribe@monseyluach.com

ערש"ק פרשת משפטים - כ"ו שבט תשפ"ו   Friday, February 13, 2026


## זמנים

| | היינט | מארגן |
|---|---|---|
| עלות השחר: | 5:41 | 5:40 |
| נץ החמה: | 6:53 | 6:52 |
| סו"ז קר"ש מג"א: | 8:56 | 8:55 |
| סו"ז קר"ש גר"א: | 9:32 | 9:31 |
| סו"ז תפלה מג"א: | 10:00 | 10:00 |
| סו"ז תפלה גר"א: | 10:24 | 10:24 |
| חצות: | 12:10 | 12:10 |
| מנחה גדולה: | 12:43 | 12:43 |
| מנחה קטנה: | 3:58 | 3:59 |
| שקיעה: | 5:28 | 5:29 |
| צאה"כ ר"ת: | 6:41 | 6:42 |

## שיעורים

**תהלים**: קיט (מ-ת)/קכו-קל

**משנה**: תמורה ז, ד-ה

**דף היומי**: מנחות לג

**מ"ב עמוד יומי**: ח"ה קמג:

**עמוד יומי**: פסחים קה:

**מ"ב - דרשו**: חזרה

**דף הירושלמי**: גיטין כד

**מצוה יומית**: תמב. אכילת מע"ש דגן בחוץ

**הלכה יומית**: או"ח קנג, טו - יז

**תניא**: פכ"ח. ואפילו - זרה שלה

## וועטער

**היינט** 36°-21° זוניג

**מארגן** 43°-25° טיילוייז פארוואלקענט

## זמני שבת

שב"ק פרשת משפטים-שקלים , כ"ז שבט תשפ"ו

**הדלקה"נ:** 5:13 **וויזניץ:** 4:58 **סקווירא:** 5:03

**מוצ"ש:** 6:42 **וויזניץ:** 6:25 **סקווירא:** 6:44

**מברכים חודש אדר, ראש חודש ביום שלישי וביום רביעי**

**מולד: דינסטאג פארטאגס 3:50 מיט 12 חלקים**


# מחותן, באלעבאס, איש מכובד, בן תורה. שטוינענדע פרייזן אויף די שענסטע סחורה.

מיללער שטריימל

SALE

## יעדער אן אויסנאם טרעפט זיין צוגעפאסטע שטריימל

שטריימל עקספא!

עדלאצע אויסוואל פון פראכטפולע שטריימלעך אנגעהויבן אזוי ביליג ווי

$999

ספעציעלע פארלענגערטע שעות

**מיללער געשעפט**

100 ROUTE 59

זונטאג איז די לעצטע טאג פונעם סעיל

**אפען מוצאי שבת פון 2 שעה נאכן זמן**

# שמחות

טעגליכע **שמחה** דערמאַנונגען

צו מעלדן אייער שמחה ביטע רופט:
**845.425.4300**

**מזל טוב! א שמחה אין מאנסי?**

דערמאַנט אייערע באַקאַנטע דורך עס מעלדן דאָ אינעם טעגליכן "לוח הציבור".

## שידוכים

| | | |
|---|---|---|
| החתן יהושע נ"י<br>בן מוה"ר **מאיר יחיאל (ברח"א) וואלקענפעלד** הי"ו<br>בארא פארק | **עב"ג**<br>שדכן: **אשת ר' מרדכי קאטה**<br>**בארא פארק** | הכלה שתחי'<br>בת מוה"ר **יוסף צבי פוקס** הי"ו<br>מאנסי |

## שלום זכר

מוה"ר **יואל קרומאן** הי"ו
בן מוה"ר אברהם שלמה הי"ו | חתן מוה"ר משה ציפער ע"ה
**בביתו** 62 Suzanne Dr. #214

מוה"ר **יודל ראזענפעלד** הי"ו
בן מוה"ר שלמה הי"ו | חתן מוה"ר מענדל מאנהייט ע"ה
**בביהמ"ד בעלזא** 17 Dorset Rd.

## קידוש

מוה"ר **יהושע פאגעל** הי"ו
בן מוה"ר אברהם הי"ו | חתן מוה"ר אייזיק בר"א ניימאן הי"ו
**בביהמ"ד וויזניץ** 25 Phyllis Ter.

מוה"ר **יהודה סאמפאלינסקי** הי"ו
בן הרה"ג פייוויש שליט"א מו"ץ בוויזניץ | חתן מוה"ר פנחס שאמועל הי"ו
**בביהמ"ד וויזניץ** 25 Phyllis Ter.

מוה"ר **יוסף פינקאס** הי"ו
בן מוה"ר אביגדור הי"ו | חתן מוה"ר דוב טעוולאוויטש הי"ו
**בביהמ"ד וויזניץ** 25 Phyllis Ter.

מוה"ר **שאול יצחק כ"ץ** הי"ו
בן מוה"ר יוסף בנימין הי"ו | חתן מוה"ר יעקב צבי לעווי הי"ו
**בביהמ"ד בארנוב** 28 Homestead Ln.

## הולדת הבן

מוה"ר **משה אריה אדלער** הי"ו
בן הרב מאיר שליט"א | חתן הרב חיים יעקב צבי גרויס שליט"א

## הולדת הבת

מוה"ר **אברהם קויפמאן** הי"ו
בן מוה"ר אליעזר הי"ו | חתן מוה"ר חיים מאיר גליק הי"ו

### Emergency Numbers

Emergency 911
Fire 845.425.9300
Hatzalah - הצלה 845.425.1600
מצילי אש 845.426.9111
Dror - דרור 855.376.7911
ביה"ח/ גחש"א הר שלום 845.400.2227
ערשטע הילף דשיכון סקווירא 845.354.0222
Chaveirim - חברים 845.371.6333


לוח הציבור בארא פארק:
718.303.4300
mail@LuachHatzibur.com
לוח הציבור לעיקוואד:
732.696.4300
ads@lakewooddaily.com



רבי מאיר ערווארט אייך
דעם מוצש"ק
Plaza
Atrium Grand Ballroom
כולל שומרי החומות
לצדקת רבי מאיר בעל הנס
בשעה 9:00 | באולם אטריום פלאזא
נאך הונדערטער פארקינג פלעצער ביי די דערנעביגע
33 DOWNTOWN OFFICE BUILDING
די בארימטע
GoCab
טעקסי פירמע
ווערט אייך אפנעמען פאר א
אומזיסטע רייזע צום אטריום זאל
רופט:
845.599.4444
597
GoCab
845.599.4444




The Heating Cooling Doctor
"The Heating Cooling Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Heating System-Boiler-Furnace-Mini Split-Thermostat-Radiator-Water Heater-Tankless System
Call 24 hours: 646-820-0196
The Commercial Refrigertion Doctor
"The Commercial Refrigeration Doctor"
The Best in The Business for Repair of Every Type of Commercial-Refrigerator-Freezer-Walk In-Reach In-Merchandise Display-Ice Machines
Call 24 hours: 929-486-1587




ELEVATE RENTALS
YOUR PROPERTY, OUR PRIORITY
א לענדלארד דארף נישט האבן אזויפיל קאפ ווייי!
Do you own an investment property in the Rockland area?
שפארט אייך קאפ ווייטאג, מיר וועלן אייך טרעפן פאסיגע און געטריבארע טענענטס!
Call / text 347-762-3623 | Elevaterentalsny@gmail.com

# הילולא דצדיקיא



**יארצייט פונעם טאג - כ"ו שבט - שנת תרכ"ח**

**הגאון רבי אברהם תאומים אבד"ק זבארעוו ובוטשאטש, ובעמח"ס שו"ת 'חסד לאברהם'**

**געבוירן:** שנת תקע"ד

**זיין טאטע:** רבי צבי הירש, אב"ד קאליש

**זיינע זין:** רבי משה. רבי יצחק יעקב.

**זיין איידעם:** ב"א, רבי יצחק תאומים.

**זיינע רבי'ס:** אביו. אבי אמו, בעל ה'חוות דעת'.

ער איז געבוירן געווארן אין יאר תקע"ד, צו זיין פאטער הגאון רבי צבי הירש אב"ד קאליש, זוהן פון רבי יוסף אב"ד בורשטין, ולמעב"ק צו די רבנים מפורסמים פון די משפחה המיוחסת 'תאומים', וואס רעכנט אריין גדולי עולם ווי דער בעל 'כתנות אור' און בעל 'קיקיון דיונה'. די מוטער פון רבינו זצ"ל איז געווען הרבנית חי', די טאכטער פונעם בארימטן גאון רבי יעקב לורבערבוים אבד"ק ליסא, און בעמח"ס 'חוות דעת', 'נתיבות המשפט' און נאך, וועלכער איז געווען א רעכטער אור-אייניקל פונעם הייליגן 'חכם צבי'.

אלץ יונגל האט ער מקבל געווען תורה פון זיין גרויסן טאטן, און ער איז געוואקסן און געשטיגן בתורה ועבודה. ביי די דרייצן יאר אלט, האט ער אנגעהויבן לערנען תורה פון זיין גרויסן זיידן, דער בעל 'חוות דעת', אונטער וועמענס אויפזיכט ער האט געהארעוועט בהתמדה רבה, און איז אויסגעוואקסן א גאון און עילוי נפלא בתורה, אז זיין גוטן נאמען האט גע'שמ'ט איבראל. אין יאר תק"פ, ווען ער איז געווען בלויז זיבעצן יאר אלט, האט מען אים שוין אויפגענומען צו דינען אלץ רב אין שטאט זבארעוו, און זיין זיידע, וועלכער איז דאן שוין געווען דער בארימטער גאון מפורסם איבעראל, איז מיטגעקומען מיט אים צום הכתרה אין זבארעוו.

ווען ער איז געקומען אין די יארן פון שידוכים, האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פונעם נגיד ויחסן רבי ליפא יאהר פון בראד, אבער די ערשטע רעבעצין איז ל"ע נפטר געווארן יונגערהייט, דריי יאר נאך די חתונה, און זי האט נישט איבערגעלאזט קיין זש"ק. רבינו זצ"ל האט דאן חתונה געהאט בזוו"ש, מיט די כלה הרבנית פרומא, די טאכטער פון הגאון רבי צבי ראפאפורט אב"ד דובנא, זוהן פון רבי נפתלי הירץ פון לעמבערג, וועלכע האבן געשטאמט פון די בארימטע ראפאפורט משפחה, כהנים מיוחסים.

ער האט זוכה געווען צו די אויסטערלישע מתנה פון תורה וגדולה במקום אחד, זיין רעבעצין האט געארבעט און פארידנט גאר שיין, אז נישט נאר וואס ער האט קיינמאל נישט נהנה געווען פון געלט פונעם ציבור, האט ער נאך געשטיצט אלע בתי חסד אין זיין שטאט, און רבינו זצ"ל האט זיך קיינמאל נישט געזעצט צו קיין סעודה, אן דעם וואס ער זאל האבן אן ארימאן ביי זיין טיש.

ווען ער איז נאך געווען רב אין זבארעוו, אלץ יונגע אינגערמאן, האט די תורה'דיגע וועלט גע'רעש'ט איבער א שו"ב פון שטאט בארדיטשוב וואס זיינע הענט האבן געציטערט, און ווען דער גרויסער גאון רבי שלמה קלוגער האט דאס געזען, האט ער אים גע'אסר'ט פון שחט'ן, אבער די חכמי גאליציע האבן אים געזען און זיי האבן מתיר געווען.

אויך רבינו זצ"ל איז געווען פון די מתירים, און ווען הגאון רבי שלמה קלוגער האט דאס געהערט, האט ער געזאגט אויף רבינו זצ"ל, 'דער שובב פון זבארעוו'. רבינו זצ"ל איז דאן געפארן קיין בראד, פארשטעלט ווי א סוחר און זיך מפלפל געווען מיט רבי שלמה קלוגער פאר אפאר שעה, און רבי שלמה האט אים דאן געשריבן א פייערדיגע סמיכה אויף זיין נאמען 'אברהם צווילינג'. איידער רבינו זצ"ל איז ארויס געגאנגען, האט ער געזאגט פארן גאון אז ער איז 'דער שובב פון זבארעוו', רבי שלמה האט זיך צושמייכלט און געזאגט 'דו ביסט טאקע א שובב פארן דאס טון'.

אין יאר תרי"ג, האט מען אים גערופן צו קומען דינען אלץ רב אין שטאט בוטשאטש, דער שטאט אין וועלכן ס'האבן געדינט אלץ רב דער גאון רבי צבי הירש קרא, בעל 'נטע שעשועים', און נאכדעם זיין איידעם, הגאון רבי אברהם דוד װאהרמאן, בעל 'דעת קדושים', 'אשל אברהם' און נאך. נאכן זיין דרייצן יאר אן קיין רב, האבן זיי זיך פאראייניגט אויפצונעמען רבינו זצ"ל אלץ רב דארט.

דאס רבנות אין בוטשאטש. די שריפה. רבנות אין קאמעניץ. צוריק אין בוטשאטש. אי"ה אין א קומענדיגן געלעגנהייט...

**זכר צדיק לברכה!**

בס"ד

# קהל דרך אמת

מאנסי יע"א

בנשיאות הרה"ג ר' יוסף טעמפלער שליט"א - רב דקהלתינו

**הננו מתכבדים בזה להזמין את מעלת כבוד ידידינו הנכבד הי"ו**

**לבוא ולהשתתף**

**במסיבת**

# מלוה מלכה השנתית

**לחזק בדקי בית מדרשינו הבית הגדול שמגדלין בו תורה ותפילה**

שיתקיים אי"ה

**מוצאי שב"ק פר' משפטים (שבת שקלים) הבעל"ט**

**כ"ז שבט תשפ"ה לפ"ק**

## בהיכל בית מדרשינו

*24 Crestview Terrace • Monsey, New York*

בשעה 9:00

**יושב ראש:**
הרב **חיים מאיר מיללער** הי"ו
בן הרה"ג אב"ד יארמע שליט"א

**נואם הכבוד:**
הרה"ג ר' **שמואל אלטר שפירא** שליט"א
משפיע ומו"צ דקהל מחזיקי הדת דחסידי בעלזא מאנסי
ורב ביהמ"ד דחסידי בעלזא - וויאלע

**דברי ברכה:**
הרה"ג **אב"ד דקהלתינו** שליט"א

ויהא רעוא מלפני אבינו שבשמים, שבזכות החזקת התורה נזכה לגאולה כללית ופרטית,
וימלא ה' משאלות לבבו לטובה ולברכה בבני חיי ומזוני רויחא וסייעתא דשמיא
עדי נזכה בקרוב לביאת הגואל במהרה בימינו אמן.

**הנהלת הביהמ"ד**




**מיר פייטן אלע אייערע טרעפיק טיקעטס.**

ביליגע פרייזן

רופט אדער טעקסט
**347.565.4216**

# האסט געקויפט ביטקוין ביי $124,000




**MasterPeace™**
Fast-acting calm, right when stress hits you.

advanced nutrition by ZAHLER

These statements have not been evaluated by the Food and Drug Administration. This product is not intended to diagnose, treat, cure or prevent any disease.



צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

לידיעת הציבור

## ספאנסער

שפארט אסאך געלט אויף אייער קאר אינשורענס, מיט אונזער דיפענסיוו-קלאס.
רופט אדער טעקסט יעצט גאו-דרייוו
845.600.4444
GoDriveMonsey@gmail.com
פארוואס לערנט יעדער דרייווער ביי גאו-דרייוו?
ווייל יעדער וויל דרייוון פראפעשינאל און שפארן געלט.

## שבת בחצרות הקודש

דעם שבת קומט פאר די שבת עליה לתורה פון די חתן א אייניקל ביי כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, א זון פון זיין איידעם הרה"ג ר' יצחק ראזענבערגער שליט"א דומ"ץ סאטמאר לי-גארדנס, זון פון הגה"צ גאב"ד הרמ"א בית שמש שליט"א, מיט די כלה א טאכטער פון הרה"ג ר' נפתלי מייזליש שליט"א, זון פון הגה"צ אב"ד אוהעל מאנסי שליט"א, עס קומט פאר אין ביהמ"ד הגדול סאטמאר אין וויליאמסבורג.

שבת אויפרוף פונעם חתן א זון ביי כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ בארא פארק שליט"א, איידעם ביי הגה"צ אב"ד ראחמיסטריווקא מאנסי שליט"א, מיט די כלה א אייניקל פון כ"ק אדמו"ר מוויזשניץ ירושלים שליט"א, א טאכטער פון זיין איידעם הרה"צ ר' יעקב דוד ראבינאוויטש שליט"א, זון פון כ"ק אדמו"ר מביאלא פשיסחא ב"ב שליט"א, עס קומט פאר אין ביהמ"ד הגדול וויזשניץ אין בארא פארק.

שבת אויפרוף פונעם חתן א זון פון כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף סיגעט וומס"ב שליט"א, אייניקל פון הגה"צ אב"ד האניפאלי, מיט די כלה א טאכטער פון הרה"צ ר' איתמר ראזענבוים שליט"א, זון פון כ"ק אדמו"ר מנדבורנא לינסק שליט"א, עס קומט פאר אין זאל גינת אסתר אין וויליאמסבורג.

כ"ק אדמו"ר מבוהוש שליט"א איז צוגאסט אויף שבת אין וויליאמסבורג, און וועט אפרעכטן די תפילות און טישן אין די זאלן פון עידן פאלאס.

כ"ק אדמו"ר מקאשוי שליט"א איז צוגאסט אויף שבת אין לאס אנדזשעלעס לטובת מוסדותיו הקדושים, און וועט אפרעכטן די תפילות און טישן אין די חסידישע כולל יחיאל יהודה.

כ"ק אדמו"ר מלוצק שליט"א איז צוגאסט אויף שבת אין טאראנטא, און וועט אפרעכטן די תפילות אין ביהמ"ד משכן התורה און שלש סעודות אין ביהמ"ד קול יעקב.

כ"ק אדמו"ר מפאלטישאן שליט"א איז צוגאסט אויף שבת אין ביתר, און וועט אפרעכטן די תפילות און טישן אין ביהמ"ד קרעטשניף אין די גבעה B געגנט.

כ"ק אדמו"ר מערלוי שליט"א וויילט אויף שבת אין בני ברק אויף אפרוה.

כ"ק אדמו"ר מלעלוב ניקלשבורג שליט"א וויילט אויף שבת אין ליזענסק פולין, סמוך ונראה צום ציון הק' פון הרה"ק דער רבי ר' אלימלך זי"ע.

כ"ק אדמו"ר מטעמעשוואר שליט"א איז צוגאסט אויף שבת אין בארא פארק, און וועט אפרעכטן די תפילות און טישן אין ביהמ"ד נעימת החיים.

כ"ק אדמו"ר מנדבורנא ביתר שליט"א וועלכער איז צוגאסט די טעג אין ניו יארק לרגל א משפחה שמחה, וועט פראווענען דעם שבת אין בארא פארק, בבית האכסניה אין שטוב פון הרב החסיד ר' אליעזר שמעון הלטובסקי.

כ"ק אדמו"ר מזוטשקא מאנסי שליט"א איז צוגאסט אויף שבת אין בני ברק לרגל די הילולא קדישא פון אביו כ"ק אדמו"ר מזוטשקא זצ"ל און וועט מיטהאלטן די תפילות און טישן בצל אחיו הגדול כ"ק אדמו"ר מזוטשקא שליט"א.

הגה"צ אב"ד סאטמאר ירושלים שליט"א וויילט אויף שבת אין ירושלים עיה"ק בקרב חסידי סאטמאר, און וועט אפרעכטן די תפילות און שבת אחים אינעם גרויסן שאטער אין קרית ויואל משה אין די עזרת תורה געגנט.

US MOBILE

$8 MONTH Unlimited Talk & Text

Visit Our New Location!
Across Evergreen
78 NY-59, Monsey, NY
Next to Satmer butcher

Switch Now! 878.205.0547 usmobile.com/kosher

Lowest rates as of 1.30.26

| DSCR SFR Purchase | DSCR SFR Cash-Out Refi | DSCR SFR Purchase | DSCR 5-10 unit Purchase | Fix & Flip |
|---|---|---|---|---|
| LTV: 85% | LTV 75% | LTV: 75% | LTV: 75% | LTV: 90/100 (90% Purchase/ 100% Construction) |
| PPP: 5 Years | PPP: None | PPP: 5 Years | PPP: 5 Years | PPP: None |
| Rate: 6.49% | Rate: 6.49% | Rate: 5.875% | Rate: 7.125% | Rate: 8.75% |

EQUAL HOUSING LENDER
YS Capital Group is a licensed mortgage lender. NMLS #2609746, and an Equal Housing Lender. Business-purpose loans only. Not for personal use. Not a commitment to lend. Terms may change.

YS CAPITAL
the answer is yes.

Call today to get your mortgage started
718-831-2168
sales@yscapgroup com

BERRY'S Car Service בעררי'ס

845.848.5555 מאנסי'ס אידישע טעקסי.

RESERVE CAR IN ADVANCE • BOOK STEADY TRIPS • LOCAL & LONG DISTANCE • HEIMISHE LADY DRIVERS • ארנטליכע אידישע דרייווערס

# קויפט זיך איין דעם סגולת הקדמונים אויף אריכת ימים פון קויפן א חלקה

טויזענטער חלקות
שוין פארקויפט פאר
קהלות משפחות
און יחידים

חלקות
איינגעטיילט לויט
די פארשידנארטיגע
מנהגים און מסורות

פאר מער אינפארמאציע
אדער צו קויפן חלקות רופט:
845.400.2227





צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# שבת ערציילונג



## געשווערצטע סחורה

ר' מאיר האט אנגעהויבן זיין וועג אין מסחר מיטן האנדלן און וואנדלן איבער די גאסן פונעם לאקאלן מארק, ווי ער האט געקויפט פון דא און פארקויפט דארט, און אזוי געלייסטעט עטליכע פרוטות, צו קענען שפייזן דאס געזינדל. די ארבעט איז אבער נישט געווען גרינג און קיין סאך צייט עוסק צו זיין אין תורה און אין עבודת השם איז שוין נישט פארבליבן, און דאך האט ער קוים פארדינט עפעס אפאר פרוטות. אזוי איז דאך נישט קיין תכלית. וואס יא צו טון ווייסט ער נאכנישט. אזויפיל ווייסט ער אבער יא, אז ווען א איד ווייסט נישט וואס צו טון, פארט מען צום רבי'ן, נאך אן עצה און א ברכה.

ער האט געקלערט זיך ארייצולאזן אינעם ביזנעס פון עקספאטירן סחורה צו אנדערע לענדער. דאס האנדלן אין דעם אינדאסטריע האט פארלאנגט פון צייט צו צייט זיך ארויסצולאזן אויף א רייזע צו אנדערע לענדער, די מעלה איז אבער געווען, אז ווען מ'איז געווען אינדערהיים, האט מען געהאט גענוג און נאך צייט צו קענען זיצן און דינען דעם אויבערשטן במנוחה, בפרט אז די וואס האבן מצליח געווען אין דעם ביזנעס האבן פארדינט דערפון גאר שיין.

נאר וואס'זשע דען, אן קיין פערמיט האט מען בלויז געקענט ארויספירן פון לאנד געוויסע סארט ביליגע ארטיקלען, אויף וועלכן מ'האט סיי ווי נישט געמאכט קיין גרויס געלט, אבער די טייערע זאכן, וואס איז אין אנדערע לענדער ווערט געווען אסאך, איז געווען אומלעגאל ארויסצופירן פון לאנד אן קיין פערמיטן. און פאר א איד צו באקומען א פערמיט איז געווען גאר גאר שווער.

ר' מאיר האט געקלערט אז ווען ער וועט אריינקומען צום רבי'ן, דער רבי ר' מרדכי פון לעכאוויטש, וועט ער פארלייגן פארן רבי'ן די שאלה, אויב ער זאל ווייטער עוסק זיין אין האנדלן לאקאל, וואס דאס ברענגט אריין ווייניג געלט און פארלאנגט אסאך ארבעט, אדער זאל ער אנהייבן ארויספירן אומלעגאלע סחורה צו אנדערע לענדער, וואס דאס איז ווייניגער צייט און מער געלט, אבער ער וועט דארפן אנהייבן אומלעגאל, מיטן ארויסשווערצן די סחורה אינמיטן די נאכט דורך די וועלדער, ביז ווען, אויב בכלל אמאל, ער וועט באקומען דעם נויטיגן פערמיט פון די רעגירונג.

*******

אנקומענדיג קיין לעכאוויטש איז ר' מאיר באלד געגאנגען אין ביהמ"ד אריין, ווי ער האט געטראפן דארט א געהויבענע חבורה פון חסידים, צווישן זיי זיינע גוטע פריינט, מיט וועמען ער האט זיך שוין נישט געזען א שטיק צייט. ער האט זיך צוגעזעצט צו זייער שמועס איבער חסידות און עבודת השם, ביז ווען דער טלטול הדרך האט אים אנגעהויבן כאפן, און ער האט פארלאזט דאס ביהמ"ד צו גיין אין די אכסניא אריין און זיך אפרוען אביסל.

נאכן אראפלייגן זיינע זאכן אין די אכסניא, און זיך כאפן דאס הארץ אביסל, איז ער צוריק געגאנגען אין ביהמ"ד, און גענומען א גמרא, און אריינגעשווימען אינעם ים התלמוד, אלץ אן הכנה אריינצוגיין צום רבי'ן. עטליכע שעה האט ער געלערנט, ביז דער רבי איז אריינגעקומען צו תפילת מנחה. דער גבאי האט אים געלאזט וויסן אז נאך מנחה, וועט ער קענען אריינגיין אל הקודש פנימה.

ענדליך איז געקומען די מינוט. ער שטייט שוין ביים טיר פון צדיק. ער האט פארגעסן פארוואס ער איז בכלל אהער געקומען. אצינד וויל ער בלויז זוכה זיין צו הערן פונעם צדיק אביסל הדרכה אין עבודת השם, הערן וויאזוי ער קען ווערן נענטער צום אויבערשטן. ר' מאיר גייט אריין און זעט די הייליגע צורה און ווערט איבער גענומען. דער רבי נעמט אים אויף ווארעם, און לאזט זיך אריין אין א שמועס איבער זיין רוחניות. א לאנגע צייט רעדט מיט אים דער רבי איבער די ענינים, און ר' מאיר געפונט זיך אין אן אנדערע וועלט, אן עולם שכולו טוב.

די שמועס קומט שוין צו אן ענדע, ר' מאיר געזעגענט זיך פונעם רבי'ן. ער שטייט שוין ביים טיר ארויסצוגיין, אבער דאן ווייזט אים דער רבי מיט די האנט אז ער זאל צוריק קומען. "מאיר'ל, וואס טוט זיך עפעס מיט פרנסה? איך האב גארנישט געהערט פון דיר דערוועגן...". ר' מאיר כאפט זיך ביים קאפ, הערשט יעצט האט ער זיך דערמאנט פארוואס ער איז דא. ר' מאיר דערציילט פארן רבי'ן, אז ער האט לעצטנס אנגעהויבן צו האנדלן און ער פארדינט אפאר פרוטות, און אצינד וויל ער פארברייטערן און ארויספירן סחורה צו אנדערע לענדער, אבער ער וועט מוזן אנהייבן נישט לעגאל, ווייל בכדי צו פירן די סחורה לעגאל, מוז מען האבן ספעציעלע פערמיטן, און אזוי דערציילט ער פארן רבי'ן אלע פרטים.

"הער אויס מאיר'ל, פון מיין זייט זאלסטו עוסק זיין אין סיי וועלכע מסחר וועט דיר אנקומען די גרינגסטע, און ברענגען די גרעסטע פארדינסטן, אזוי ארום זאל דיר בלייבן ווי מער צייט פאר עבודת השם". דער רבי שטעלט זיך אפ אויף א רגע, און דאן איז ער ממשיך,

To Advertise Or To Place Your Simcha Call: 845.425.4300

"דאס איז אבער נאר בתנאי קודם למעשה און מיט א קבלה גמורה, חק ולא יעבור, אז דו וועסט קיינמאל נישט זאגן קיין ליגענט איבער אלעם אנבאלאנגט די געשעפטן, זאל זיין וואס זאל זיין!" זאגט דער רבי שארף, "אויך אויב דו ביסט אין א סכנה און דאס גלייכן, זאלסטו קיינמאל נישט זאגן קיין ליגענט. קענסטו דאס מקבל זיין אויף זיך", ר' מאיר שאקלט מיטן קאפ אויף יא.

*******

א נייע און גוטע קאפיטל האט זיך אנגעהויבן אין די געשעפטן פון ר' מאיר. ער האט געבארגט געלט פון דעם און יענעם, איינגעקויפט סחורה וואס איז נישטא צו באקומען ערגעץ אנדערש, און זיך ארויס געלאזט אויפן וועג קיין לייפציג, ווי ער וועט דאס פארקויפן ביים ארטיגן יריד.

מיט די הילף פון איינער פון די לאקאלע פויערן, וואס טוט דאס פאר אן אפצאל, איז ער געפארן אויפן וועג קיין לייפציג. געווארט ביז אינמיטן די נאכט, און דאן זיך געלאזט אין אן אומוועג, ווי דער פויער האט אנגעוויזן, ביז זיי האבן באוויזן זיך אריבער צו שווערצן די גרעניץ מיט די סחורה. ווען דער זון האט אויפגעשיינט, זענען זיי שוין געווען גאר ווייט פונעם גרעניץ. ר' מאיר האט פארדינט א שיינעם אפותיקי אין לייפציג, און זיך צוריק געקערט אהיים, און פון פריש איינגעקויפט. אזוי האט ער אנגעהויבן מצליח צו זיין, ביז ווען ער איז געווארן א שיינע נגיד.

די נישט אידישע סוחרים אין דארף, וואס פלעגן האנדלן מיט ר' מאיר, ווען ער איז נאך געווען ווי איינער פון זיי, האבן דאס נישט אויסגעהאלטן אז ער איז אזוי רייך געווארן, ביז ווען איינער פון די סוחרים איז געגאנגען אין פאליציי סטאנציע און אים פאר'מסר'ט אז ער פירט ארויס אומלעגאלע סחורה פונעם לאנד.

די שטייער באאמטע האבן פארשריבן אלע פרטים איבער דעם איד, און זיי האבן באשלאסן דאס צו אויספארשן. נאך א לענגערע אויספארשונג זענען זיי געוואור געווארן אז ר' מאיר איז טאקע לעצטנס רייך געווארן, און קיינער ווייסט נישט פונקטלעך פון וואס. און אז ער פארט כסדר אוועק פון שטוב אויף עטליכע טעג און דאן קומט ער צוריק און זיצט אין ביהמ"ד א גאנצן טאג. דער אויפזעער פון די שטייערן האט באפוילן זיינע אונטערטאנען אז זיי זאלן ווייטער פארשן און אים ברענגען קאנקרעטע אינפארמאציע.

זייער צופרידן איז ער געווען, ווען זיי האבן אים געמאלדן אז זיי זענען געוואור געווארן, אז דער איד פלאנירט מארגן ביינאכט ארויס צו שווערן פון לאנד אומלעגאלע סחורה און דאס פירן צום יריד אין לייפציג.

די קומענדיגע נאכט, האבן די שטייער באאמטע געשטעלט פארשטערקערטע וואך איבער דעם גאנצן גרעניץ וואנט, אז ס'זאל נישט מעגליך זיי אנצוקומען אהין, און דעם וואס מ'זאל געכאפט ווערן, און אזוי האבן זיי געווארט אז דער פישל זאל אריינשווימען אינעם נעץ.

ר' מאיר האט פון גארנישט געוואוסט, און ווי אייביג האט ער געמאכט דעם וועג מיט זיינע וועגענער אנגעפילט פון אלעם גוטן, צו פארקויפן אין לייפציג. דעם ערשטן טייל וועג איז ער געפארן אויפן דרך המלך, און הערשט אינמיטן די נאכט, האט מען זיך געדארפט פארקירעווען צום זייטיגן וועג, ווי די פארמערטע וועכטער האבן זיי אפגעווארט, אן זייער וויסן.

די זון איז שוין אונטערגעגאנגען, און זיי פארן ווייטער, ווען אינמיטן איז באפאלן פארן בעל עגלה און פאר ר' מאיר א שרעקליכע מידקייט, אז ממש זיי האבן נישט געקענט האלטן די אויגן אפן, און זיי זענען פארזינקן געווארן אין א טיפן שלאף. נו, אז קיינער ציעט נישט די לייצעס צו קיין שום וועג, גייען די פערד ווייטער אויפן גראדן וועג, און אזוי זענען זיי געגאנגען ווייטער און ווייטער גראד צום הויפט גרעניץ, ווי מ'פארט אריין און ארויס פון לאנד, טאקע דארט ווי די וועכטער שטייען אייביג און קוקן אויב מ'שווערצט נישט ארויס עפעס אומלעגאל.

דער בעל עגלה און ר' מאיר געבן זיך א וועק אויף, און ר' מאיר גלייבט נישט וואס דא גייט פאר, די שוידערליכע צרה שטייט אים ממש פאר די אויגן. ער האט נישט פארקירעוועט דעם וועג, און אצינד קומט ער שוין אן צום גרעניץ, ווי די וועכטער וועלן זיכער טרעפן זיינע אוצרות, און ווער ווייסט וואס דא וועט זיין. אוי געוואלד!

אלע אפיצירן וואס זענען געווען אויפן וואך יענע נאכט, האבן געוואוסט אז מ'ווארט אויף א אידישן סוחר וואס האלט אין איין שמוגלען סחורה, און אצינד דארף מען אים כאפן. אונזער אפיציר, וואס איז געשטאנען ביים הויפט גרעניץ, האט נישט געקענט גלייבן וואס ער זעט דא, דער שוטה, דער אידישער סוחר, איז פונקט היינט נאכט געקומען צום הויפט גרעניץ מיט די גאנצע סחורה. אין כעס געבט ער א שריי אויס צום איד, "זאג, וואס האסטו דארט אין די וועגענער?".

ר' מאיר האט שוין אויפן צינג עטליכע באבע מעשיות צו פארקויפן פאר דעם אפיציר, אבער דאן דערמאנט ער זיך דער צוזאג וואס ער האט געמאכט פארן רבי'ן, "איך האב ביי מיר אומלעגאלע סחורה וואס איך וויל אריינשמוגלען", דער אפיציר האט באלד פארשטאנען אז דער איד האט זיכער דאס מאל געברענגט לעגאלע סחורה און ער וויל בלויז טרייבן שפאס פונעם אפיציר, און דערפאר קומט ער אהער צום הויפט גרעניץ, בכדי אז יענער זאל וועלן עפענען זיינע וועגענער, און דאן בלייבן חוזק, ווען ער וועט זען אז דאס איז בלויז לעגאלע סחורה.

דער אפיציר וויל נישט בלייבן צו שפאט, ער איז קלוגער פונעם אידישן סוחר, "פאר נאר פאר, מיר וועלן דיר נאך איין טאג כאפן...", ניטאמאל האט ער א קוק געטון אויף איין וואגן, נאר ער האט אים אדורך געלאזט מיט אלע וועגענער, זייענדיג אזוי זיכער אז דאס מאל האט דער זשיד בלויז לעגאלע סחורה.

און אזוי איז ר' מאיר געראטעוועט געווארן פון א שווערע צרה בזכות דעם 'אמת' און מיט די ברכה פונעם צדיק.

צו אדווערטייזן אדער מעלדן אייער שמחה רופט: 845.425.4300

# יארצייטן
## פון צדיקים און גאונים



### כ"ו שבט

תכ"ז — הג"ר **דוד** בהג"ר **שמואל הלוי** זצ"ל
בעל הט"ז

תע"ב — הג"ר **ארי' לייב** בהג"ר **אלי' שפירא** זצ"ל
אב"ד לייפן

תצ"א — הג"ר **יוסף** בהג"ר **יעקבריישר** זצ"ל
דומ"ץ פראג - גבעות עולם

תקצ"ג — הג"ר **מענדל ווערטהיים** זצ"ל
משטאמפען

תרע"ד — הג"ר **יוסף** בהג"ר **דוד בירדוגו** זצ"ל
מחכמי מאראקא - שופריה דיוסף

תרע"ה — הג"ר **נתן נטע** בהג"ר **אהרן זעליג ליפשיץ** זצ"ל
מוויעליפאל

תרפ"א — הג"ר **בנימין זאב וואלף** בהג"ר **אליעזר צבי קרויס** זצ"ל
אב"ד דעבריצין

תרפ"ז — הג"ר **משה** בהג"ר **שמואל בנימין סופר** זצ"ל
מאדווארד

תרפ"ח — הג"ר **ניסן** בהג"ר **עזריאל זעליג יאבלונסקי** זצ"ל
ר"מ בסלובודקא - ניצני ניסן

תרפ"ט — הג"ר **מרדכי יוסף אלעזר** בהג"ר **גרשון העניך** זצ"ל
מראדזין - תפארת יוסף

ת"ש — הג"ר **שאול** בהג"ר **אלעזר בראך** זצ"ל
מקאשוי

תשמ"א — הג"ר **שלמה** בהג"ר **יוסף בוימגארטען** זצ"ל
דומ"ץ עדת ישראל לאנדאן

תשמ"ו — הג"ר **יעקב** בהג"ר **משה יהודה לייב לאנדא** זצ"ל
רבה של בני ברק

זכותם תגן עלינו ועל כל ישראל

---

# יזכרם

## זכרון שמות הנעדרים שלא הניחו אחריהם זש"ק

נא להדליק נר וללמוד משניות וכדו' לעילוי נשמתם

## כ"ו שבט

צו ארייבשרייבען נעמען אימעיל List@yizkereim.info

הילד אברהם משה ב"ר אשר זעליג – תרע"א [בילקא, אוקריינא] • הילד אליעזר דוד ב"ר לוי יצחק (טויב) – תש"א [פיטא, האלאנד] • הילד בנימין ב"ר אלעזר – [וואשינגטאן נ.י.] • ברוך ב"ר מאיר ארי' – תש"ג הי"ד • דן יצחק ב"ר יצחק אליהו • הב' חיים יוסף ב"ר פנחס דוד – תשע"ה [ביה"ח ד'מאנסי] • חיים צבי ב"ר יהושע זאב (וילר) – תשכ"ח [ביה"ח נתני'] • ר' יהודא ארי' לייב ב"ר ירוחם פישל (טאללער) – תש"פ • הב' יהושע צבי ב"ר יהודא לייב (גליק) – תשל"ג [NJ חל' סאטמאר]• הב' יונה ב"ר ישראל דוד (סיידער) – תרפ"ד [וואשינגטאן נ.י.] • יעקב יצחק ב"ר זאב (ראזענבערג) – תש"ו [טשעלסי, חל' חברת תהלים] • ירוחם פישל ב"ר מאיר ארי' – תש"ג הי"ד • ישראל ב"ר יהודא לייב הכהן (כהן) – תשע"ב [חש"א, ליבערטי נ.י.] • הילד מאיר ב"ר אלימלך (קאליש) – תרמ"ה [בארשא, רומעניא] • ר' מנחם מענדל ב"ר שלמה (פינגערהוט) – תשל"ח [ענפיעלד, לאנדאן] • ר' מענדל ב"ר דוב (זאלצמאן) – תש"ח [באלטימאר, ביהמ"ד הג'] • הילד משה ב"ר ירוחם פישל (לאנדעסמאן) – תרפ"ג [מיהאלאוויץ, סלאוואקיי] • משה יהודא ליב ב"ר אברהם בנימין ביינוש (אויערבאך) – תשפ"ג [NJ פלארעל פארק] • הילד משה מאיר ב"ר שלמה אביגדור (קאהן) – תרע"ד [מט חברון, חל' עדת בנ"י] • הילד משה שאול ב"ר מיכאל (צימערמאן) – תרפ"ד [קאשוי, סלאוואקיי] • הב' צבי ב"ר יצחק (בלומענטאהל) – תרע"ב [SI יונייטעד היברו] • הב' צבי יוסף ב"ר אברהם (בראגער) – תר"פ [באלטימאר, ביהמ"ד הג'] • ר' שמואל ב"ר יעקב – תשד"מ [NJ פלארעל פארק] • רבי שמואל ב"ר משה יהודא ליב (קר־עמניצער) אבדק"ק שארית שמואל – תשל"ג [הר המנוחות] • ר' שמחה יוסף ב"ר יעקב (לאפפלער) – תשנ"ב [שיכון סקווירא] • הילדה אסתר ב"ר ישראל – תשל"ו [NJ חל' יראים] • מרת אסתר שאשע ב"ר ברוך (ווייס) – תש"י [שייח באדר, ירושלים] • הילדה אסתר שיינדל ב"ר מרדכי יהושע – תשנ"ח [LI חל' קראסנא] • הילדה הענדל ב"ר ישעי' – תש"ז [בני ברק, זכרון מאיר] • הילדה הענטשא ב"ר אליעזר יצחק (שעהנווירט) – תר"פ [מט ציון, חל' אולמאן] • מרת זיסל ב"ר שמואל (טעסלער) – תשע"ב [קרית יואל, שטח החדש] • מרת חי' ב"ר דוב (גאדינגער) – תשפ"ד [ירקון] • טייבל ב"ר אהרן (מלמד) – תשנ"א [טשעלסי, חל' חברת תהלים] • מייטא ב"ר מאיר ארי' – תש"ג הי"ד • מרת מייטא ב"ר זאב (אונגער) – ת"ש [מט לבנון, ת"ת דפלעטבוש] • סאסיא ב"ר יעקב (שאמפעין) – תשכ"ח [אלבאני נ.י.] • סימא ליבא ב"ר זלמן לייב • הילדה פעסל ב"ר מרדכי יחזקאל – תשל"ג [סיגוט, רומעניא] • פערל ב"ר יוסף (שטערנבערג) – תרצ"ה [מט לבנון] • הילדה רחל ב"ר זאב (קולב) – תרנ"ז [סאטמאר, רומעניא] • הילדה רחל ב"ר מנחם (אסטאלאש) – תרפ"ו [בודאפעסט] • מרת רחל ב"ר מרדכי (קאבאלקין) – תש"מ [אלבאני נ.י.] • שושנה ב"ר אהרן הלוי (תרשיש) – תשס"ח [ביה"ח דמאנסי] • שיינא ב"ר מאיר ארי' – תש"ג הי"ד • מרת שרה ב"ר ישראל – תרס"ד [סטראפקוב, סלאוואקיי]

---







# האט איר שוין גערופן אייערע עלטערן היינט?



## פדיון הבן מטבעות

שוין דא צו באקומען די נייע ספעציעל געמאכט פדיון הבן מטבעות ענבי,

פון ריין זילבער, מיט די ריכטיגע וואג, בהשגחת הרבנים,

צו באקומען אין אלע יודאיקה געשעפטן.

אדער רופט: (NY) 718-791-8250
718-710-1134(Monsey)


## בית המדרש אהל רחל

ע"ש האשה החשובה מרת רחל ב"ר שמשון ע"ה

**4 Vincent Rd.** (Entrance Left Side Back)

**הדלקת הנרות** 5:13
**מנחה** 6:13 (שעה אחר הדלקה"נ)

**שחרית**
**מנין א'** ........................................ 8:00
**מנין ב'** (שעה ועשרים דקות לפני חצות)........... 10:50

**מנחה שבת קודש**
**מנין א'** (45 דקות לפני השקיעה) ..................... 4:44
**מנין ב'** (35 דקות אחר זמן הדקלה"נ).................. 5:48

Deadline today

# אכטונג: בחורים/ישיבות/ג

**באשטעלט יעצט אייער פורים אייטעמס - די ביליגסטע פרייז**

כאלאטן, שאלן, קאפלעך, טי שערטס, העמדער, ספיקערס, לייטינג, און נאך

רופט/טעקסט 929-737-1020 אדער 929-486-2692 - **קויפט פאר עס גייט אויס**

---

*Got a Ticket?*

*Call*

# THE TICKET FIGHTER




We Fight

Parking•

Moving•

& Criminal•

Violations

*Call*

718-954-4295

917-957-7545

We also fight **E-ZPass** tickets

---

## הויכע עלעקטריק בילס?

**ניי! אויב באקומט איר מעדיקעיד, פוד סטעמפס אדער Eap באקומט איר 20% אראפ**

אויב באקומט איר נישט קיין שום פראגרעמס איז יעצט אוועליבעל א 5% קרעדיט פאר אלע O&R קאסטעמערס

סיינט אייך אויף בחינם דורך שיקן אן אימעיל מיט אייער גאנצע O&R bill (ביידע פעידזשעס) און טעלעפאן נומבער צו:

**save@volteraco.com**

אדער טעקסט: **929-333-3534**

Everyone is eligible, Residential / Shuls / Small Commercial

---

שמחים אנו להודיע בעזהשי"ת עלה בידינו לסדר

# מניני שחרית

**בבית מדרשינו החדש**

7:00 | 8:00 | 9:00

**וביום א' בשעות**

9:00 | 11:00

**מנחה מעריב בכל יום 45 מינוט אחר שקיעה**

LuachHatzibur Design

**המקוה החדש** יהיה פתוח בכל יום בשעות הבוקר

קהל מחזיק תורה ד'טשענסקאוויץ

**79 N AIRMONT RD.**

1 MINUTE FROM EXIT 14B

---



NSK New Square Kashrus

